Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Ofgang afn Dnyeper


Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ



Mosḳṿe, 1937


35


urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240



Visual Library

## 35

זיסע טעג. די ווײַט געשמאק איז
בא דער נידעריקער שוועל;
שיילט זיך לײַוונט פון באראקעס,
גלײַך ווי אָפגעצערטע פעל.

רײַסט און טרייסלט דאָרט דער ווינט זיי,
שטעכט זיי אויס, ווי א געשוויל;
טעג, — זיי זײַנען אזוי ווינציק,
טעג, — זיי זײַנען אזוי פיל,

ביז דעם הימל און נאָך העכער
און אין זאמדן טיף פארוויגט;
פלאפן לײַוונטענע דעכער
מיט פארבײַנייער, מיט ווינט.

אפּ די פענצטער וויאַנען בלומען,
און פּאָרטרעטן אפּ דער וואנט,
און אפּ נארעס שלאָפן אומעס
פון אומברעגיקן פארבאנד.

ענדיקט זיך מיט פּײַפּ א וואכטע,
הייבט מיט פּײַפּ זיך וואכטע אָן, —
ווער באטאָג און ווער באנאכט דאָרט,
ווער באנאכט דאָרט, ווער באטאָג!

ס׳רײַסט ניט איבער זיך די ארבעט,
ס׳רײַסט ניט איבער זיך די רו, —
ווען ס׳ענדיקט זיך די וואכטע,
ווען ס׳הייבט זיך אָן דער רופּ!

ס׳שפּארן קעפּ אונטער די דעכער,
נאָר מע זעצט אפּ קני זיך אויס;
און מע גיט זיך א צעטעכער,
און מע זידלט זיך ארויס.

און מע קראצט זיך הויך די פּלייצעס,
און מע רייכערט הויך טוטין —
ניט דערזידלט מע צעגייט זיך,
ווער אהער און ווער אהין.

און אפּ מײַלער, אפּ געמיטער
קומט אזוי ניט קיין פארשליס, —

ביז מע לייגט זיך ניט אנידער,
ביז מע פאלט ניט פון די פיס.

און מע ציט די מארינארקעס,
און די אָנעטשעס מע שלעפט;
און סע קומט א שלאָף א שטארקער
אפ די טערפּקע מידע קעפּ.

און א כראָפּ צעגייט זיך מונטער
אין דער הייך און אין דער ברייט, —
ווער די שטיוול בעט זיך אונטער,
ווער אזוי ווי גייט און שטייט!

נ'ווער ס'לייגט אונטער זיך צוקאָפּנס
בענקשאפט ווייַטע פון דער פרעמד —
נאָר דער ייִד פון מעליטאָפּאָל
זיצט און לאטעט זיך א העמד.

אָן א שאבעס דאָס דערמאָנט אים,
דאָס דערמאָנט אים אָן א היים;
טוקן זיך די האָריזאָנטן
מיט אן אויסגעדארטן בוים...

אָן א שאבעס דאָס דערמאָנט אים,
און ער ווייסט שוין ניט אליין,
צי ער וועט דאָס העמר נאָך אָנטאָן,
צי ער וועט דאָס העמד נאָך גיין?..

אז ס'איז מיטנ נאכט. מע כראָפּעט.
אַלע אנגלענ מע צעקלעמט,
נאָר דער ייִד פונ מעליטאָפּאָל
טרײַבט דעמ טויט אָפּ מיט דעמ העמד...

ס'האָט א ריס געטאָנ א כוואַליע
זיכ אינ מויל זײַנס אינ פארקלעפּטס —
נ'פּארנ גאָרגל, ווי מיט צוואנגענ,
האָט אימ אָנגעכאפּט דער גרעפּצ.

איז אינ מאנטל א פארהילטער
ט'ער ארפגענידערט שווער,
דאָס צעקרימטע מויל א קיל טאָנ
אפּ דער הוילער, רויער ערד.

אונטער נארע, אָנגעשטויביקט,
טוליענ זיכ דאָרט איינס לעמ איינס
א פּאָר זעקעלעכ מיט גרויפּנ
אונ א קלומעקל א קליינס.

טוקט זיכ האָריזאָנט צוקאָפּנס
מיט אנ אויסגעדארטנ בוימ.
ס'האָט דער ייִד פונ מעליטאָפּאָל
שיקנ עס באדארפט אהיימ..

אז ס'זאָל אָנקומענ, ווי יאָנטעוו,
אפּנ טיש זיכ טאָנ א שטעל.
וואָס האָט זיכ אימ נאָכ געוואָלט דענ
פונ זײַנ לעבנ, פונ זײַנ וועלט?..

וויאַנען אַף די פֿענצטער בלומען,
און פּאָרטרעטן — אַף דער וואַנט;
און אַף נאַרעס שלאָפֿן אומעס
פֿון אומברעגיקן פֿאַרבאַנד.

★

זיס ווי קאַוון־זאַפֿט דער דרויסן,
און נאָך זיסער זײַנען טעג;
ער איז ערשט באַטאָג אַרויסגאַן
זיך אַ וואַרעם טאָן באַם ברעג.

יאָרן זײַנען אָפּגעמעקטע,
און די טעג מיט זון און ווײ, —
ס׳האָט מיט קאַווענעס פֿאַרשמעקט אים,
ס׳האָט פֿאַרשמעקט אים ביז געוויין...

האָבן זײַנע פּיס געבלעטערט
און געציטערט האָט די האַנט,
און פֿאַנאַנדערפֿרעגט באַ יעדן:
— קאַווענעס איז נאָך פֿאַראַן?

שמעקן קאַווענעס מיט האָפֿן
און מיט יאָנטעוו, און מיט ווײ.
האָט דער ייִד פֿון מעליטאָפּאָל
זיך געשטעלט דאָרט אין דער ריי.

אז דער ברעג איז ווי א האפּן,
בארזשעס בלײַענדע מיט פּראכט, —
האָט ער אויך געקויפט א קאוון,
צו דער נארע אים געבראכט.

דורך די נידעריקע שויבן
קומט אריַין א ווײַטער ראנד, —
ס׳ווילט דעם קאוון זיך א הייב טאָן
און א וואָרף טאָן אין דער האנט,

און אים צופּייגן צום אויער,
און א קוועטש טאָן בא דער זײַט,
און זיך אָנטרינקען מיט טרויער,
און זיך אָנטרינקען מיט ווײַט.

און דערמאָנען זיך אין יאָרן,
און דערמאָנען זיך אין טעג, —
אָפּגעלאָפּעטע, ווי קאָרע,
און צעזייטע אפּן וועג.

וואַרפט דאָס הארץ זיך און סע טריפט דאָרט
און סע בלעטערט און פארמישט —
ווי ער האָט געשניטן ריפטלעך
קאלטן קאוון בא זײַן טיש.

און געטיילט אפּביידע זײַטן,
און געקוויקט זיך מיט געפּליעסק, —
און מיט הע:ט האָט ער געטיילט,
און געשריגן: קינדער, עסט!

און די קלעפּיק-זיסע טראָפּנ,
אויסגעמישטע מיט געוויינ:
אוי, ווו ביסטו, מעליטאָפּאָל?
אוי, ווו ביסטו, ווײַטע היימ?

ליגט דער קאוונ אופגעשניטנ,
ווי אנ אופגעהאקטער בויכ, —
ער וועט אימ שוינ ניט קיינ צי טאָנ
און א הייב טאָנ אינ דער הויכ!..

ס'איז אינ האלדז אימ אזוי קלעפּיק,
ס'רײַסט זיכ אָפּ פונ אימ דער טאָג:
עפּעס שנײַדט מענ אפּנ דניעפּער
איצט אפּ ריפּטלענ דעמ בעטאָנ.

און מע טיילט אפּ ביידע ברעגנ,
און סע פּליעסקעט זיכ גערויש;
און דעמ פעלדזנ־ברעג מע ברעקלט,
און מע כראָמקעט אימ ווי ברויט.

און זײַנ מויל איז אופגעריסנ,
און דער אָטעמ איז פארשטעלט;
און צוקאָפּנס און צופוסנס
אָפּגעשונדנ ליגט זײַנ וועלט...

ט'ער אליינ זיכ אופגעהויבנ,
און א קוק — אהינ, אהער. —

שטייען זײַנע זעקלעך גרויפּן
אף דער רויער רונדער ערד...

אָט — אָט ליגט עס דאָ, זײַן לעבן,
אין די זעקלעך אף דער ערד...
וואָס באַטרעפט עס? וואָס ט'מען געבן? —
ער דערנעבן, און וואָס מער?

— ס'קומט מיר נאָך פאַר זעקס טעג אַרבעט, —
אויסגעקרעכצט ט'ער ווי פון שלאָף, —
און, ס'ווײַזט אויס, אַז איך'ל שטאַרבן,
און, ס'ווײַזט אויס, אַז ס'איז דער סאָף!.. —

קוקט אף קאַווּן — קוקט און גלעט אים,
דרייט דעם קאָפּ פון אים אַוועק.
דאָ־אָ ענדיקט זיך זײַן צעטל,
דאָ־אָ ענדיקט זיך זײַן וועג!

עפּעס רעכנט, עפּעס קריצט ער,
און די ערד איז רוי און שטיל;
עפּעס ווערט אים, דאַכט זיך, פינצטער,
ס'איז נאָך, דאַכט זיך, זייער פרי.

ס'זײַנען העגט א'ים שווער און שטייביק,
און דאָס מויל איז אים ווי ליים;
און אָט דאָס־אָ ביסל גרויפּן
דאַרף מען אָפּשיקן אַהיים!

ס׳איז די באָרד פאַרקלעפּט מיט קערלעך,
אויגן קוקן בייז און פרעמד.
ערגעץ האָט ער פּערציק קערבלעך
איַינגענייטע אין דעם העמד!

און א שטילן הוסט געטאָן נאָך,
און אן אויסגעוועפּטן שפּיַ
האָט דער ייִד פון מעליטאָפּאָל,
האָט דער ייִד פון ערגעץ וויַיט...

אונטער נאַרע, אָנגעשטויביקט,
טוליען זיך דאָרט איינס צעם איינס
א פּאָר זעקעלעך מיט גרויפּן
און א קלומעקל א קליינס.

אַף די פענצטער וויאַנען בלומען,
און פּאָרטרעטן אַף דער וואַנט;
און אַף נאַרעס שלאָפן אומעס
פון אומבריגיקן פאַרבאַנד.